Yiddish

# Sample
# Language Exam

**Please prepare a good literary translation of the entire passage in the time allowed. Use of a dictionary is permitted. Choose one of the two passages.**

**Time allowed: 2 Hours**

PASSAGE I

1. A.J. Heschel, Kotsk: In gerangl far emesdikeit
   Introduction

## הקדמה

אין מיין גאַנץ לעבן האָבן געקאָכט אין מיר די ווערטער פון קאָצקער רבין. הגם נישט תמיד מסכים געווען, האָב איך אָבער אַלע מאָל געפילט זייער מעכטיקן שטויס. מיין גאַנג איז נישט געווען גרינג, אָבער טראַכטנדיק וועגן דעם קאָצקער רבין, פלעגט אַלץ ווערן אי שווערער אי גרינגער.

ר׳ מענדל האָט אַנטפּלעקט פּראָבלעמען וואָס, ביודעים אָדער בלא יודעים, מאַטערן זיי אונדז היינט צו טאָג. זיינע ענטפערס זענען אָפט שווער אָנצונעמען פאַר דעם מענטש פונעם איצטיקן דור, אָבער זיין קוק איז געוואַלטיק און דערשיטערט דאָס געוויסן. ווער עס לעבט מיט אים איין שעה, וועט שוין קיין טעם פון זעלבסטצופרידנקייט קיין מאָל נישט פילן.

איינער פון די כוחות פון קאָצקער רבין איז געווען די געוואַלטיקע פעיִקייט צו פאָרמולירן זיינע געדאַנקען קורץ, שאַרף און בליציק. אַ צאָל פון זיינע דיבורים, וואָס האָבן זיך אויפגעהיטן, אַזוי ווי ער האָט זיי געזאָגט — אין יידיש — פאַרמאָגן אַן אויסערגעוויינלעכע קראַפט.

די צרה איז, וואָס די, וואָס האָבן איבערגעגעבן ר׳ מענדלס דיבורים אין זייערע ספרים, האָבן דאָס על פי רוב איבערגעזעצט אויף לשון קודש. און זעלטן אין דער יידישער געשיכטע איז אַזוי שוואַך געווען די פעיִקייט צו איבערזעצן אויף אַ לייטישן לשון קודש, ווי אין די לומדישע קרייזן אין פוילן אין די לעצטע דורות. דערפאַר זענען אַ סך פון די דיבורים אין „אמת ואמונה" אָדער „חשבה לטובה" לגמרי נישט פאַרשטענדלעך. אין מיין יוגנט האָב איך אַ גרויסן טייל פון די דיבורים געהערט ווי תורה שבעל פה אין יידיש, דערפאַר איז מיר אָפט מעגלעך צו פאַרשטיין די זייער אומקלאָרע פאָרמולירונגען.

2. Y. Teneboym, "Di yidishe shprakh oyf der tog-ordnung fun der sholem-konferents in pariz, 1919," YIVO-Bleter XLI (1957),

PASSAGE II

# די ייִדישע שפּראַך אויף דער טאָג־אָרדענונג פֿון דער שלום־קאָנפֿערענץ אין פּאַריז, 1919

פֿון יוסף טענענבוים

## 1

אָנהייב 1919 האָט זיך פֿאַרזאַמלט אין פּאַריז די גרויסע שלום־קאָנפֿערענץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס איז געווען אַ גלאָבאַלע קאָנפֿערענץ נאָך אַ גלאָבאַלן קאָנפֿליקט, דאַכט זיך די ערשטע קאָנפֿערענץ אין דער פּאָליטישער וועלט־געשיכטע פֿון אַזאַ גרויסן פֿאַרנעם. אָבער מער פֿון אַלץ איז דאָס געווען אַ היסטאָרישע דערשיַינונג אין ייִדישן לעבן, וואָס האָט ניט געהאַט איר גליַיכן אין אונדזער לאַנגער גלות־כראָניק.[1]

אַ מאָל וועט אפֿשר דער צוקונפֿטיקער ייִדישער היסטאָריקער ניט נאָר אָפּגעבן אַ חשובֿן קאַפּיטל דעם אָנטייל פֿון ייִדן אין דער פּאַריזער שלום־קאָנפֿערענץ און דער וויכטיקער ראָלע וואָס זיי האָבן דאָרט געשפּילט (ניט־ייִדישע היסטאָריקערס טוען דאָס שוין הײַנט), נאָר אַפֿילו טאַקע אָנהייבן אַ נײַ בלאַט ייִדישע געשיכטע פֿון אָט דער תּקופֿה.

לאָמיר ניט פֿאַרגעסן אַז אויף דער קאָנפֿערענץ זײַנען געלייגט געוואָרן צוויי גרונטבאַזיס פֿאַר אַ נײַ ייִדיש קיבוץ־לעבן. ראשית איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פֿאַרן פּאַלעסטינע־מאַנדאַט, וואָס האָט אין משך פֿון איין דור באַוויזן צו דערפֿירן צו אַ זעלבשטענדיקער מדינת ישראל, און שנית איז דאָרט געבוירן געוואָרן דאָס מינדערהייט־רעכט פֿאַר אָנמלוכישע פֿעלקער. פֿון דער טריבונע פֿון העכסטן פֿעלקערראַט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ מין נײַע סוווערעניטעט — די סוווערעניטעט פֿון קליינע פֿעלקער אין די ראַמען פֿון דער מלוכה. מיט איין וואָרט, אַנשטאָט די אַלטע טראַדיציע פֿון הערשער־מלוכות, געשטיצט אויף איין פֿאָלק, איז באַשאַפֿן געוואָרן דער פּאָליטישער בנין פֿאַר מלוכות מיט פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, אָדער, לויטן אָפֿיציעלן טעקסט, מיט קולטורעלע, עטנישע און רעליגיעזע מינאָריטעטן.